STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10982

KINDER-LIDER

Noyekh Gorelik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נויעך גאָרעליק

קינדער-לידער

ווײַסרוסלענדישער מעלוכע-פֿארלאג
מינסק — 1928

גלאַווליטבעל 691. באַשטעלונג 244. טיראַזש 3000.

מינסק, 1-טע דרוקעריי פֿון ווייסרוסלענדישן מעלוכע-פֿאַרלאַג.

באַ דער אַרבעט,
באַם לערנען
און שפּילן



1

דאָס ליִד פֿון אַרבעט

ס'אַרבעט דאָך יעדער,
ס'דרייען זיִך רעדער,
הענט העלפֿן צו,
ס'קלאַפּן מאַשיִנען,
וועבן און שפּינען:
טו, טו, טו, טו!

טיִשלער קאָן מאכן
היִלצערנע זאַכן,
אַלמער און טיִש;
הובלען און זעגן
ברעטער מיט ברעגן:
ציש, ציש, ציש, ציש!

שוסטער קאָן מאַכן
לעדערנע זאַכן,
שוכוואַרג אַסאַך;
האַמערן ברעקלעך
טשוועקלעך און פלעקלעך:
טאַך, טאַך, טאַך, טאַך!

שניידער קאָן נייען,
שטעפּן און דרייען
גיך די מאשין;
מענטשישע קליידער
שטעפּן קעסיידער:
דזין, דזין, דזין, דזין!

שלאָסער קען ווייזן
שטאָל, מעש און אייזן,
ווי מיטן קוק,
בויגן און גיסן,
ברעכן און שליסן:
הוק, הוק, הוק, הוק!

פייערס און רויכן
שוועבן אין הויכן,
הו, הו, הו, הו!
ס'בויערן לאמען
שאכטן און טהאמען:
טרו, טרו, טרו, טרו!

ס׳אַרבּעט דאָך יעדער,
ס׳דרייען זיִך רעדער,
הענט העלפֿן צו;
ס׳קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען:
טו-טו-טו, טו.



2

די אופֿגאבע

אַז די אופֿגאַבע איז גרינג,
דויערט נאָר איין ווינק;
יעדע מאָס, יעדע צאָל—
ווי און ווו שטימען זאָל,
רעכן איך מיר פֿלינק.

רעכן איך מיר, רעכן איך מיר,
רעכן איך מיר אויס—
ריכטיק קומט אַרויס.

אַז די אופֿגאַבע איז שווער,
דויערט עטוואָס מער,
יעדע מאָס, יעדע צאָל—
ווי און ווו שטימען זאָל,
טו איך מיר אַ קלער.

רעכן איך מיר, רעכן איך מיר,
רעכן איך מיר אויס—
ריכטיק קומט אַרויס.

3

באַנליִד

(פֿון רוסיש)

דער באַן איז אַ לאַנגער,
אַ לאַנגער אַזאַ.
עס קלאַפּן די רעדער:
טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ.

און פֿעלדער און וועלדער—
זיי לויפֿן פֿאַרבײַ,
עס זינגען די רעלסן:
טורײַ און טורײַ.

עס ציען אַלץ ווייטער
וואַגאָן צו וואַגאָן,
און אָט איז אַ סטאַנציע:
גלין-גלאָן און גלין-גלאָן.

און באַן ציט זיך ווייטער
אַזוי ווי אַ שלאַנג,
מיט קלינגען און קלאַנגען:
קלינג-קלאַנג און קלינג-קלאַנג.

דער באַן

פאָרט דער באַן—דאָס פירט ער, פירט ער
שטיקער פון נאַטור.
און אַףווייטן שנירט ער, שנירט ער
וויאָרסטן—שנור צו שנור.

און די רעלסן ריפּען,
ריפּ, ריפּ, ריפּ,
און די אַקסן סקריפּען,
סקריפּ, סקריפּ, סקריפּ.

פירט וואַגאָנעס גיכער, גיכער
דער לאָקאמאָטיוו;
פירט אַף ווייטן זיכער, זיכער:—
מענטשן, סכוירעס, בריוו.

מיטן קוימען פייפט ער,
פיו, פיו, פיו,
דאמף אין דער פאַרשטייפטער,
טיו, טיו, טיו.

און די רעלסן זינגען, זינגען,
זונג אין יעדער רונג,
און די רעדער קלינגען, קלינגען
מיט מעטאַלנקלונג.

און די טאַצן טעצלען,
טאַך, טאַך, טאַך,
קוילן לופט צופלעצלען —
פלאַך, פלאַך, פלאַך.

פאָרן באַנען—ווונדערפורן —
פאָרן וויאָרסטן אויס;
ווונדערפורן שנירן שנורן,
ווי אין זעלבער גרויס.

פאָרערס—אַלע צייטנס —
העל, העל, העלי
יעדער ווינקט צו ווייטנס:
כ'וועל, כ'וועל, כ'וועל...



5

* * *

לאָמיִר אַלע צוזאַמען מאַרשיִרן,
פֿאַר די הענטלעך זיִך נעמען געטריי,
לאָמיִר אַלע זיִך פֿריילעכער ריִרן,
מיִט די פֿיסלעך באַוועגן זיִך פֿריי.

האַנט איִן האַנט, ווי געקייטלט איִנצווייען,
און איִן מיטן בלייבט קיינער ניִט שטיין,
לאָמיִר גיין אין געשלאָסענע רייען,
לאָמיִר גיין, לאָמיִר גיין, לאָמיִר גיין!

6

גימנאַסטיק

טײלט זיך, טײלט זיך, טײלט זיך!
שליסט די רײען פרײ!
טײלט זיך און צוטײלט זיך,
אײנס, און צװײ, און דרײ!

— הענט אַרויף!
אויף, אויף!
הענט אַראָפּ —
— אָפּ, אָפּ!

און מיט ברוסט פאָרויס,
אַקסלען אויסגעגלײכט,—
װאַקסן, דוכט זיך, אויס
יעדן פליגלען לײכט.

איין האַנט—אונטן, איין האַנט—אויבן;
אָט—זיי ביידע אופגעהויבן;
אָט—צושפרייט אין לופטן זיי,
אָט ווי סטרונעס,—גלייך צוצויגן,
איבער אַקסלען אויסגעבויגן
און צוויגט, ווי צווייגן צוויי.

קאָפּ—אַ נויג,
בליצט דאָס אויג
אינדערווייטן;
גוף—אַ בויג,
הענט—אַ לייג
באַ די זייטן.

הענט—אַף אַרבעט דינען
און די פיס—אַף גאַנג:
האָט דעם פלייס פון בינען
און פון הירש—דעם דראַנג.

זיך דרייען! זיך צווייען!
האַלט אינטערוואַל!
ווירעט די רייען
שטאַרק, ווי מעטאַל!

איינס, צוויי, דריי!
גייט זיך גרינג און פריי!
טראָט נאָך טראָט—פאַרביי.
איינס, צוויי, דריי!

וויגט מיט די הענט.
נייע — די צייטן,
רייען — ווי ווענט.

איינס, צוויי,
רעכטס אין ריי!
איינס, צוויי,
לינקס אין ריי!
ריי אַרום —
קערט זיך אום!

איצט, הערט אוף!
שטעלט זיך אָפּ!
גלייך — דעם גוף!
גלייך — דעם קאָפּ!
אָטעמט איין,
אָטעמט אויס, —
שטאַרק צו זיין,
פריי אַרויס!

ז

דאָס רייפּעלע

רייפּעלע, דריי זיך,
שטעקעלע, קלאַפּ!
קינדעלע, פּריי זיך,
יאָג זיך און כאַפּ!

נאָר ניט אין גריבעלע,
רייפּעלע, לויף!
וווּ ס'איז אַ שטיבעלע,
דאָרט איז אַ הויף;
וווּ ס'איז אַ הויפּעלע,
דאָרט איז אַ גראָז,—
זע, ווי דאָס רייפּעלע
פּארן איך לאָז!

רייפּעלע, דריי זיך,
שטעקעלע קלאַפּ!
קינדעלע, פּריי זיך,
יאָג זיך און כאַפּ!

פונקט ווי אַ העזעלע
שפּרינג מיר אַרום,
אָט—אַף אַ גרעזעלע,
אָט—אַף אַ בלום.
וואָס דאַרף איך זאָרגן מיר,
רייפעלע, פאָר!
זאָגט מען „גוט מאָרגן" מיר,
זאָג איך „גוט יאָר".

רייפעלע, דריי זיך,
שטעקעלע קלאַפּ!
קינדעלע, פריי זיך
יאָג זיך און כאַפּ!

8

דער באָבעס קניילכל

(פֿון פֿראַנצויזיש)

דער באָבעס קניילכל דרייט זיך, דרייט זיך,
ראָכעלעס זעקעלעך מאַכט זי אויס.
די באָבע איילט זיך און זי גרייט זיך,
עס זאָל צום יאָנטעוו שוין אַרויס.

ס'וועט צום יאָנטעוו,
ס'וועט צום יאָנטעוו,
ס'וועט צום יאָנטעוו שוין אַרויס,
ס'וועט צום יאָנטעוו,
ס'וועט צום יאָנטעוו,
ס'וועט צום יאָנטעוו שוין אַרויס.

9

ייִנגעלעך און מיידעלעך

אַ ראָד פֿון ייִנגעלעך,
מיִט הייסע מיילכעלעך,
מיט שאַרפֿע ציִנגעלעך,
ווי שפּיזן—פֿייִלכעלעך.

ווי פֿייגלען—הייפֿעלעך,
וואָס פֿרייען זיִך;
ווי רעדער—שרייפֿעלעך,
וואָס דרייען זיך.

אַ ראָד פֿון מיידעלעך,
מיט פּוכקע בעקעלעך,
מיִט ריינע קליידעלעך
און שיִך און זעקעלעך;—

מיט טיפֿע אויגעלעך
וואָס זאָגן פֿיל;
ווי זומער־פֿייגעלעך,
וואָס פּיפּסן שטיל.

צוויי רעדער שפּילן זיך
אין פֿרייד, אין אייניקייט,
און אַלע פֿילן זיך,
אַז ס'איז אַ קלייניקייט:

צו ווערן בעסערע,
מיט ווייסן רייך;
צו ווערן גרעסערע,
מיט ביימער גלייך.

אין דער נאַטור

1

פֿריִאָר

איז געוואָרן זוניק,
בלענדט אין טאָג, איִן האלבן.
פֿול מיִט פֿריליִנג-גרוסן
פֿליִען אום דיִ שוואַלבן.

אַף די קלאָרע טייכלעך
שוויִמען גענדז און ענטלעך;
קליינע קיִנדער קוקן,
פּאַטשן מיט דיִ הענטלעך.

אַף די קלאָרע טייכלעך
גאָלדן זיִך די שטראַלן
אין די וואַסערבלעזלעך,
ווי אין גלאָזקריִסטאַלן.

* *
*

איז געוואָרן זוניק,
שפּראָצן גריִנע גראָזן.
הויבן אָן די בוימער
קנאָספּעלעך צולאָזן.

בוימער—קעפּ מיט בלינונג,
יעדער צווייג—אַ קעפּל;
ס'וועלן אויף זיי הענגען
באַרעלעך און עפּל.

און די טייכלעך מורמלען,
און די בינען זשומען,
און די פֿייגלען טרעלן:
„פֿרייאָר איז געקומען!"

2

*
*   *

ס'עפֿנט מאַמע-ערד די שויסן,
טראָפּנס רינען פֿונם דאַך,
און די וועטערן אינדרויסן
ווערן וואַרעמער אַסאַך.

אָפֿטער שײַנט די זון אין הימל,
וואָלקנס רײַסן זיך פֿון ווינט:
— אָט וועט אויפֿבליען אַ בלימל,
אָט וועט ווערן ערד באַגרינט!

ס'קושט אין פּנים, ס'בלענדט די אויגן
מיט אַ העלן זילבערפֿאַס;
פֿונקט ווי אָדערן צוצויגן,
שטראָמען וואַסערן אין גאַס.

—ס'וועט אַ רעגנדל זיך שפּרייטן,
ס'וועט זיך געבן זון אַ ווייז
און באַפֿרוכפּערן די בייטן,
ווו פֿאַרזייט ווערט גוטע שפּייז!

3

אין סאָד

האַיאָר איִז דער סאָד געראָטן:
טוי און רעגן, ליִכט און שאָטן
איִז געפֿאַלן צו דער מאָס, —
שטייט דער סאָד, ווי אויסגעבאָדן,
שטרויכן, בוימער, — שווער באַלאָדן,
און די ערד — געדיִכט מיט גראָז.

איִן די צווייגן מיט די בלעטער
פֿריילעך שפּילן מיִטן וועטער
באַר און עפּל, קאַרש און פֿלוים;
אַף דער זון, איִן ליכט אין קלאָרן,
צייטיק איז דער סאָד געוואָרן —
פֿאַלט די פֿרוכט אַליין פֿון בוים...

האַיאָר איז דער סאָד געראָטן! —
— — — — — — —

4

אַ בלימעלע

אַ בלימעלע, אַ בלימעלע
אין גערטנדל, אין גראָז,
מיט בלעטעלעך צולאָזענע,
מיט דופט אַ פולן קאָס.

אַ בלימעלע, אַ בלימעלע,
אַ בלימעלע אַ שיינס!
איך קוק אַף איר מיט ליבע פול
און רייס זי אָפ פאַריינס...

5

אַ רעגנדל

טריפּט אַ רעגנדל,
טריפּט אַ רעגנדל—
קאַפּ, קאַפּ,
אין די שייבעלעך,
אין די דעכעלעך,
קלאַפּ, קלאַפּ.

און די טראָפּעלעך
אין די רינעלעך—
טיאָך, טיאָך,
און דאָס וואַסערל
פֿון די דעכעלעך
פליאָך, פליאָך.

און די פֿייגעלעך,
מיט די הינדעלעך—
ציפּ, ציפּ,
צו די דעכעלעך,
צו די סטרעכעלעך,
היפּ, היפּ.

נאָר די קינדערלעך
אַפֿן רעגנדל—
האָפּ, האָפּ,
אין דעם לויטערן
קלאָרן וואַסערל—
שליאָפּ, שליאָפּ.

אויס דאָס רעגנדל,
שיינט אַ זונעלע—
שיין, שיין,
נאָר די קינדערלעך
אַלץ אין וואַסערל—
פֿיין, פֿיין.



6

דאָס פֿישעלע

ס'האט דאָס פֿישעלע אַ קעפּל
פֿיל מאָל קלענער, ווי אַ קנעפּל,
אויגעלעך קיילעכדיקע צוויי:
איינעם—אונטן, איינעם—אויבן;
וועלכע זייט עס זאָל ניט הויבן,
זעט מען איינעם נאָר פֿון זיי.

און עס שווימט אין וואַסער מונטער,
מיטן עקל פּאַטשט עס אונטער,
טוק—אַרויף און טוק—אַריין:
אונטער וואַסער קאָן עס שווימען,
מיטן וואַסער קאָן עס שטימען,
נאָר אין וואַסער מוז עס זיין!..

7

דאָס הינטעלע

איִזן איז׳ס אַ הינטעלע,
שפּרינגט אַף אַלע פיר,
און מיִט שטילן ווינטעלע
שפּילט עס באַ דער טיר.

אָט ווי ס׳רעט אַ הינטעלע:
— מיִטן שטילן ווינטעלע
טרינק איך לופט באַם טיר,
פרישינקע, ווי ביר.

איִזן איז׳ס אַ הינטעלע,
שמעקט עס מיִט דעם נאָז,
ווו אין שטויב אַ פינטעלע,
ווו אַ שפּור אין גראָז.

אָט ווי ס׳רעט אַ הינטעלע:
— ווו אין שטויב אַ פינטעלע,
ווו אַ שפּור אין גראָז,
שמעק איך מיִטן נאָז.

8

לעוואָנעליכט

די לעוואָנע שיינט—
ס'איז האַלב כוידעש היינט.

אַף דער גאַנצער גאַס
פאַלט אַ זילבערפאַס.

ווו אַ טוי אין גראָז,
פינקלט עס, ווי גלאָז.

אין לעוואָנעליכט
באָד איך מיין געזיכט.

9

זומער-שטורעם

ס׳לויכט די זון אין בלויעם הימל,
און דער וואַלד פונווייטן גרינט.
פּלוצלונג—ראַש! און מיט אַ ווימל
טראָגט זיך אָן אַ שטורעמווינט.

און ער ווימלט, און ער טראָגט זיך —
זיבן כאיעס אין איין קנויל:
אָט מיט ציטערניש צוקלאָגט זיך,
אָט צובייזערט זיך מיט גרויל.

אונטערוועגס האָט ער צוטראָגן
לאַנגע, ברייטע זיילן שטויב,
ווי אַ לעמפּערט וואָלט זיך טראָגן
צו אַ טשערעדע נאָך רויב.

בוימער בויגט ער איין און בלעטער,
שיט ער אָפּ נאָך גרינערהייט,
און די טריט-שפּורן פֿאַרטרעט ער,
און פֿאַרשיט זיי, און פֿאַרוויים...

אָנגעוואָלקנט איז דער הימל
און דער וואַלד — אַ גרויער פלעק —
ס'טראָגט דער שטורעמווינט מיט ווימל
שטויב און וואָלקנס אַפּן וועג.

און ער ווימלט, און ער טראָגט זיך —
זיבן כאַיעס אין איין קנויל:
אָט מיט ציטערניש צוקלאָגט זיך,
אָט צובייזערט זיך מיט גרויל.

מענטשן אײַלן, פֿויגל פֿליען:
— האַלט זיך איין, דו שטורעמווינט!
דאָס, וואָס בליט, לאָז ווידער בליען,
ווידער גרינען — דאָס, וואָס גרינט!...

10

פֿאַרלאָזטע פֿייגעלעך

בייזע ווינטן בלאָזן.
ס'איז אינדרויסן קאַלט.
פֿייגעלעך פֿאַרלאָזן
מיט „אַדיע" דעם וואַלד.

נאָר די פֿייגלעכס קינדער—
פֿייגעלעך גאָר קליין—
בלייבן—10, ניט מינדער,—
אין דעם וואַלד אַליין.

און אַז שנייען דרייען
און עס ווייען פֿרעסט—
ווי זאָלן זיך פֿרייען
קליינינקע אין נעסט?

11

א ווינטער-אָוונט

(פֿון פּושקינען)

פֿינצטער. שוואַרצע וואָלקנס ציען,
ס'דרייט דער ווינטער שניי מיט ווינט.
אָט—ווי אַ חיה זיך צושריען,
אָט—צעוויינט זיך, ווי אַ קינד.

אָט—אין דעכל—קינדערווידער—
מיטן שטרוי אַ ראַש געמאַכט;
אָט—אַ דורכגייער אַ מידער
בעט אַן אָפּרו אויף דער נאַכט.

און עס רעגט דער שאָרך דער קלענסטער,
טונקל איז אַזוי די שיין.
—וואָס זשע, שווייגנדיק, באַם פֿענצטער
שטייסטו, אַלטיטשקע דו מיין?

צי פֿון ווינטערס בייזן ווייען,
ביסטו, פֿריינט מיינער, שוין מיד?
צי פֿון לאַנג דעם שפּינדל דרייען
דרימלט דיך דאָס זשומענליד?

לאָמיִר אויסטרינקען, מיין גוטער
יוגנטפריינט! ווו איז דאָס גלאָז?
אין דער נאַכט דער ניטבאַרוטער
פריילעך זיין דאָס האַרץ כאָטש לאָז!

זיִנג אַ ליד מיִר, ווי אַ שיינע
יאַמזיִנגערן וואָינט ניִט הי;
צי ווי ס׳גייט אַ מיידל איינע
שעפּן וואַסער איִנדערפרי.

פינצטער. שוואַרצע וואָלקנס ציִען—
ס׳דרייט דער וויִכער שניי מיט וויִנט;
אָט—וויִ אַ כאַיע זיך צושריען,
אָט—צוויינט זיך, וויִ אַ קינד.

לאָמיִר אויסטריִנקען, מיין גוטער
יוגנטפריינט! ווו איז דאָס גלאָז?
אין דער צייט דער ניטבאַרוטער
פריילעך זיין דאָס האַרץ כאָטש לאָז!

12

שנייעלעך

עס פאַלן שנייעלעך, און פאַלן
פון הימלס גראָעם וואָלקן-טוך,
אַזוי ווי קלייניקנקע קריסטאַלן,
אַזוי ווי פליטערלעך פון פוך.

אין לופטן—ווי אַ שטויב אַ דיקער
צושפרייט זיך דורכזיכטיק און גראָ,
און אויבן—גראָע וואָלקנס-שטיקער,
אַזוי ווי פליגלען פון אַ קראָ.

און אונטן—ווייס: עס בלענדט די אויגן.
עס פאַלן שנייעלעך צונויף,
און ווי מיט טכיילעס ווערט באַצויגן
די גאַנצע שטאָט מיט שטוב און הויף.

די ווייסקייט בלענדט... עס פֿאַלן, פֿאַלן
די שנייעלעך פֿון וואָלקן־טוך,
אַזוי ווי קלאָרינקע קריסטאַלן,
אַזוי ווי פֿליִטערלעך פֿון פּוך.



13

קראָען און קינדער

אונטן—שניימאַנטלען און אויבן—וואָלקנהיט,
גאַסן ווייסן זיך און הימלען גראָען.
ווי וואַגאָנעלעך פֿון אַ טראַנזיט,
ציען, פֿליען אינדערלופֿטן קראָען.

קראָען—ווי אַעראָפּלאַנדעלעך,
שוואַרץ-געפֿעדערט — שוואַרצע בענדעלעך,
הילכיק קאַרקענדיק: „קראַ, קראַ!"—
ס'איז אַ ווינטער-טאָג אַזאַ.

גאַסן—טעפּיכער מיט קווייטן שנעיקע,
ווייסע פֿראָסטבליונג מיט קאַלטע דופֿטן.
קינדער — שטיפֿערלעך, נאָר קינדער פֿעיקע
מיט די קראָען ריידן אינדערלופֿטן.

קינדער—פּענימלעך געראָויטלטע,
ווי די רינגעלעך, געקייטלטע,
הילכיק רופֿנדיק „אַ, אַ!"—
ס'איז אַ ווינטער-טאָג אַזאַ.

אין וואקס

1

ווּיגליד

(פֿון טיוטשעווען)

שלאָף, מיין קינד, אַ זיסן שלאָף,
זיכער זיי און גלויב און האָף!
אָדלער נעם איך, זון און ווינט —
אויסצוּניאַנטשען דיך מיין קינד!

פֿליט אַוועק דער אָדלער באַלד;
זעצט די זון זיך הינטער וואַלד;
אין דריי טעג אַרום פֿאַרשווינדט
צוּ זיין מאַמען אויך דער ווינט.

פֿרעגט די מאַמע בײַ דעם ווינט:
— ווּ ביסטוּ געווען, מיין קינד?
האָסט די כוואַליעס אומגעוויגט,
צי מיט שטערן זיך געקריגט?

ענטפֿערט דער ווינט:

— כ׳האָב קיין כוואַליעס ניט געוויגט,
זיך מיט שטערן ניט געקריגט;
כ׳האָב דאָס וויגעלע געוויגט,
ווּ דאָס קינד, דאָס גוטע, ליגט.

2

אַליין, אַליין

(פֿאָלקסמאָטיוו)

איין פּיסעלע אַ שטעל,
דאָס צווייטע נאָכדעם שנעל,—
אַליין, אַליין
זאָלסטו, מיין קינד, מיר גיין!

דאָס גופּעלע אַ בויג,
דאָס קעפּעלע אַ נויג,
אַליין, אַליין
זאָלסטו, מיין קינד, מיר גיין!

אַ טראָטעלע, אַ גאַנג—
און הענטעלעך דערלאַנג—
אַליין, אַליין
זאָלסטו, מיין קינד, מיר גיין!

3

ציינדלעך

וואַקסט א קעפּל, ערשט באַשפּראָצט מיט הערלעך,
מיילכל—מילכזופּער, וואָס ווייס נאָך ניט קיין איינס;
הענטלעך צוויי, 10 פינגערלעך, ווי רערלעך
און א גופל—פולינקער און קליינס.

ווי אין וואַנט דאָרט—שטיין צו שטיין פאַרמויערט,
גליד צו גליד—האָט גופּל אויך געדאַרפט—
ס'האָט א יאָר און צוויי אזוי געדויערט—
און באַם קינד שוין ציינדעלעך געשאַרפט.

4

וואָס עס האָט אים אופגעוועקט פון שלאף

און אופגעוועקט האָט זיך פון שלאָף דאָס קינד—
און ניט פון שטובטומל. און ניט פון דרויסנווינט—

און ניט פון מוטערס האַנט און ניט פון טאַטנס באָרד—
און ניט פון שטאָטישן צוצויגענעם אקאָרד—

און ניט פון גאַיוועדיקן קריי פון רויטן האָן,—
נאָר פון הוראַ-געשרייען אונטער רויטער פאָן,

געמישט מיט טראַמוואַי-קלונג, אווטאמאָביל-סיגנאַל,
און קראַכיק רעדער-רויש, און לאַכיק מענטשן-שאל;

פאַרהילכט מיט כאָר-געזאַנג און מיט אָרקעסטער-שפיל
וואָס גיסט זיך ווונדערלעך פון גרויסע מאַסן פיל,—

און ס׳קוקט זיך אום דאָס קינד צום ערשטן מאָל
אַף צימער-קלאַמערן, אַף מאָס און צאָל.

5

דער „אָקטיאבּרל“

(פון דער פּאָעמע „ניי קינד“)

און פֿול מיט שיין איז נייקינדס בליק
עס קאָן שוין זוכן לעבּנסגליק;
עס גייט פֿאָרויס און ניט צוריק:

אַף קאָרידאָר-לאַנג, ווי א סטעפּ,
אַף הויכן שטאָק-געדרייטע טרעפּ,
און פֿון באַלקאָן—עס שווינדלען קעפּ.

„אָקטיאבּערלעך“, ווי שטראָם פֿון טייך,
אַף גאַסן גייען קרעפּטנרייך,
און נייקינד—אויך מיט אַלע גלייך.



6

ווי עס האָט זיך צוואָקסן

וואַקסט זיך א קינדעלע
גלייך, ווי א בוימעלע,
גיך, ווי אן אינדעלע,
גרינג, ווי אַ טרוימעלע.

גלידערלעך,ביינדעלעך,—
מאָסיקע, וואָגיקע;
מינעלעך, כיינדעלעך,—
נאַכטיקע, טאָגיקע.

קינדעלע—קינפּטיקער,
בירגערל לאַנדיקער—
ווערט אַלץ פאַרניפּטיקער,
ווערט אַלץ פאַרשטאַנדיקער.